דעם

רב'ס טאכטער

א העכסט שפאנענדיקער ראמאן פון דעם
אידישן לעבן אין מיטל־אלטער
פון לעאו וויזענפעלד

(פארזעצונג)

דאס דעקארירונג פון הייזער אין שטאט פון דער געטא אריינגערעכנט, איז אבער געווען א גזירה פון דער פרינצעסן, און די אידן האבן געמוזט דערפילן איר פארלאנג.

חנה'לע האט אויך געהערט פון דעם שידוך צווישן דעם פרינץ און פרינצעסן העלענא, און כאטש זי איז צוערשט געווען זייער צופרידן וואס דער פרינץ קלייבט זיך צו הייראטן — איז זי דאך יענעם טאג געווען זייער אומרואיק. פון אין דער פרי ביז שפעט ביינאכט האט זי זיך אין ערגעץ ניט געקאנט קיין פלאץ געפינען. ווען די טענער פון דער מיליטערישער מוזיק האבן זיך געהערט אין דער געטא, איז זי אוועקגעלאפן צו איר באליבטן טייך און זי האט דארטן געזוכט צו באַרואיקן אירע גערייצטע נערוון. זי האט זיך, אויף איר געוויינלאכן אופן, אוועקגעלייגט אויפן זאמד און זי האט געזוכט צו דערוואַרימען איר צעווייטאגט הארץ אנטקעגן די שטראלן פון דער זון.

אבער לאנג בלייבן האט זי דארטן אויך ניט געקאנט. פארקערט, איר אומרואיקייט איז ביים טייך נאך מער געוואקסן און מאמענטנווייז האט זיך איר אויסגעדוכט, אז זי וועט אינגאנצען אראפ פון זינען פון אזוי פיל נאכדיינקען און איבערקלערן איבער ניט דערגרייכבארע זאכן.

וואס זי האט געקלערט, וועגן וואס זי האט געטראכט, האט זי אין דער אמת'ן אליין אויך ניט קלאר געוואוסט. טויזנטער מאל האט זי זיך געשטעלט די זעלבע פראגע: וואס אייגנטלאך האט זי צוטאן מיט דעם פרינץ? וואס גייט דאס איר אן צי, און מיט וועמען, ער וועט הייראטן? זי איז דאך א אידישע טאכטער, וועלכע האט זיך צופעליק מיט אים באגעגנט, און וואס פאר א רעכט האט זי אויף אים, און מיט וועלכער רעכט מעג זי זיך אריינמישן אין זיינע געשעפטן, אפילו בלויז אין אירע געדאנקען?

אבער די אלע פראגן האבן זי ניט געקאנט בארואיקן. זי האט געוואוסט, אז דער פרינץ וועט איר קיינמאל ניט קאנען באלאנגען, אפילו ווען ער זאל קיינמאל ניט הייראטן. זי איז געווען קלאר אז ווען זאל דאמאלסט געווען געקומען צו איר צום טייך און וואלט געפאלן פאר אירע פיס און וואלט איר געזאגט, אז זיין לעבן הייגנט אינגאנצן אפ פון איר ליבע, וואלט זי אים אויך ניט געטארט אויסזאגן, אז זי ליבט אים, ווייל איר ליבע וואלט פארניכטעט איר אליין און פילע אנדערע. וואס זשע — האט זי זיך אליין געפרעגט — וויל זי?

נאך א ווײלע האט זי זיך האסטיק אויפגעהויבן און זי איז אוועק פון טייך. זי איז אוועק ווייט אין די פעלדער און וועלדער ארום דער שטאט און זי האט דארטן פארבראכט איינע אליין ביז שפעט אין אוונט, און ווען זי האט זיך שוין צוריקגעקערט אין דער געטא, איז שוין געווען האלב טונקל פון דער אנקומענדער נאכט. זי איז אריין אין הויז, וואו זי האט זיך פריינטלאך באגריסט מיט איר מוטער כדי זי זאל קיין זאך ניט קאנען באמערקן. זי האט אפילו באוויזן אריינצולויפן אין דעם צווייטן צימער, אין וועלכן איר פאטער איז געזעסן און האט געארבעט אויף א נייעם ספר, וועלכן ער האט געהאלטן אינמיטן שרייבן. זי האט זיך ביי אים נאכגעפרעגט וואס ער מאכט, ווי ער פילט זיך, ווי ער האלט מיט זיין נייעם ספר, וואס ער דיינקט וועגן זיין ארבעט, און איז דערשינען אזוי פרייליאך און פריינטלאך, גלייך ווי זי וואלט געווען אמבעסטן אויפגעלייגט. און גלייך ווי אין הארצן וואלט זיך ניט אפגעשפילט קיין שווערע טראגעדיע.

שווער, זייער שווער, זיינען געווען די ערשטע עטלאכע שעה אין אוונט פאר חנה'לען. זי האט ניט געקאנט זיך פארשטעלן, זי איז ניט געווען פעאיק צו שפילן קיין פארשטעלטע ראָלע, און דאס וואס זי האט געדארפט דערשיינען א פריילאכע און א לוסטיקע ווען איר הארץ איז אין דער אמת'ן געווען באדריקט פון א שווערער איבערלעבונג, האט נאך מער גערייצט אירע נערוון און האט נאך פיל פארגרעסערט איר אומרואיקייט.

דערפאר האט זי לייכטער אויפגעאטעמט ווען זי האט געזעען, אז אלע אין הויז גרייטן זיך שוין צו גיין שלאפען און די לאמפן אין די פארשיידענע צימערן ווערן פארלאשן. דאמאלסט איז זי ארוים אין גארטן, וואו זי האט זיך אוועקגעזעצט אויף א באנק און זי האט זיך רואיק און אומגעשטערט געקאנט ווייטער איבערגעבן צו אירע געדאנקען.

די נאכט איז געווען א זייער אנגענעמע, די לבנה האט געשיינט אין פולער פראכט, און דער מילדער, אפקילנדער ווינטל, וועלכער האט זיך געטראגן דורך די בוימער, האט אויף איר געהאט א באזונדערע ווירקונג. שלאפן האט זיך איר דאן ניט געוואלט גיין, ווייל זי האט געוואוסט, אז זי וועט ניט קאנען איינליגן אין בעט. זייט דער נאכט ווען דער פרינץ איז געווען אונטער אירע פענסטער, האט זי כמעט קיין איינציקע נאכט ניט געהאט קיין רואיקע.

ווען נאר זי האט זיך אריינגעלייגט אין בעט אין דער האפענונג, א זוי וועט קאנען רואיק שלאפן, האט זיך עמעריך באלד באוויזן פאר אירע אויגען. איר האט זיך אויסגעדאכט, אז די לאדנס עפענען זיך פלוצלונג, און אז ער שטייט לעבן פענסטער און רעדט צו איר. אירע פאנטאזיעס זיינען געווען אזעלכע שטארקע, אז אפט מאל האט זי אפילו געקאנט שווערן, אז זי הערט זיין שטימע, ווי ער רעדט צו איר, ווי ער בעט זיך ביי איר, אז זי זאל צו אים רעדן.

אז דער פרינץ שטייט ווירקלאך יעדע נאכט הינטער די לאדנס פון איר וואוינונג, האט זי, נאטירלאך, ניט געוואוסט און זי האט ניט געהאט דעם מינדסטן נעפיל. אבער זי האט אים אינסטינקטיוו געפילט און זי האט געפילט זיין נאענטקייט. זי האט אים געזעען מיט פארמאכטע אויגן און זי האט אים געפילט לעבן זיך, כאטש זי האט אין דער זעלבער צייט געווען זיכער, אז ער האט זי שוין לאנג פארגעסן און טראכט מער ניט וועגן איר.

אין גארטן איז זי דערפאר פארבליבן א לאנגע צייט. דארט איז איר געווען אנגענעמער ווי אין איר שלאפצימער; דארט האט זי ניט געדארפט ליגן מיט פארמאכטע אויגן און זי האט זיך געצוואונגען צו איינשלאפן. דארטן האט זי זיך געקאנט איבערגעבען צו אירע געדאנקען, וועלכע האבן זיך געטראגן אין אזא ווילדער אומארדענונג, אז זי אליין האט זיי ניט געקאנט כאפן. דער קליינער גארטן איז געווען דער בעסטער פלאץ פאר אזעלכע טרוימערייען, און אזוי ווי זי האט דערצו נאך ליב געהאט די שטילקייט פון דער נאכט, איז דער גארטן פאר איר יענעם אוונט געווען דער אידעאלסטער פלאץ.

חנה'לע האט ניט געוואוסט, אז אין דער זעלבער צייט ווען זי זיצט אויף דער באנק און טראכט וועגן דעם פרינץ, וועלכן זי האט געליבט, אבער פאר וועלכן זי האט געפילט, אז זי מוז זיך באהאלטן, איז עמעריך געווען גארנט ווייט פון איר, אז ער האט זי ארומגעזוכט כדי צו לאזן זיינע אויגן רוען אויף איר און זיך מיט איר צו קוויקן צעת זיין הארץ איז געווען שרעקלאך פארוואונדעט.

עמעריך איז, ווען ער האט איבערגעלאזן די פרינצעסן העלענא, אוועק פון דעם הויף גלייך אין דער געטא. ער איז אוועק אהין, וואו יענע, וועלכע ער האט אזוי שטארק געליבט, האט זיך געפונען. ווי געוויינלאך, איז ער באלד געשטאנען די פענסטער פון דעם רב' הויז און ער האט אריינגעקוקט אין דעם שלאפצימער פון זיין חנה'לע.

וויא יבערראשט איז ער אבער געווארן ווען ער האט געזעען, אז דער לאמפ, וועלכער פלעגט שטענדיק ברענען אין איר צימער, איז פארלאשן, און אז איר בעט איז ליידיק. וואס איז מיט איר געשעען? וואו איז זי אהינגעקומען? — האט ער זיך אליין געפרעגט. ער איז געווען שטארק באאומרואיקט און ער איז א ווײלע געשטאנען הינטער די פענסטער א פארצווייפלטער.

באלד איז אים אבער איינגעפאלן א געדאנק, און ער איז אוועק אין גארטען זי דארטן זוכן.

אריינקומענדיק אין גארטן פון ר' יצחק אייזיקס וואוינונג, איז ניט געווען אזוי לייכט. דער קליינער גארטן איז געווען פארצוימט מיט א הויכן פארקאן, און קיין טויער איז אין ערגעץ ניט געווען. בלויז דורך דער הויז האט מען אין אים געקאנט אריינקומען, אבער די הויז איז געווען פארשלאסן ביינאכט און קיין פרעמדער האט ניט געקאנט דורכגיין דורך דעם קארידאר, וועלכער האט געפירט צום גארטן.

עמעריך האט געזוכט אן אריינגאנג, אבער צום שלום האט ער זיך געמוזט אנטשליסן אריבערצושפרינגען דעם פארקאן, ווייל ער האט געזעען, אז קיין אנדערן וועג וועט ער ניט געפינען. פלינק און לייכט האט ער זיך געגעבן א כאפ אן אין דעם פארקאן און אין ווייניקער ווי אין א מינוט איז ער שוין געשטאנען אויף דער צווייטער זייט און ער האט מיט זיינע נייגעריקע בליקן געזוכט יענע, וועלכע ער האט איצט, מער ווי ווען עס איז, געוואלט געפינען, און וועלכע ער האט אזוי נויטיק געדארפט האבן כדי זי זאל אים היילן זיין פארביטערט הארץ.

חנה'לע האט געהערט עפעס א גערויש, אבער זי האט צו אים ניט געשיינקט די מינדסטע אויפמערקזאמקייט. עס האט זיך איר אויסגעדאכט, אז דאס איז דער גערויש פון די בלעטער, וועלכע ווערן פון דעם מילדן ווינטל געצוואונגען זיך צו באוועגן און איר פון צייט צו צייט איבערצושלאגן אירע געדאנקען.

ערשט ווען דער פרינץ איז שוין געווען גאנץ נאענט פון איר, איז זי אן איבערראשטע אויפגעשפרונגען פון דער באנק און זי האט אויף אים אנגעשטעלט אירע גרויסע אויגן. צוערשט האט זי זיך אליין ניט געוואלט גלויבען, אז דאס איז אמת, אז דאס איז ווירקלאך ער. זי איז געשטאנען שווייגענדיק לעבן אים, זי האט זיך געריבן די אויגן כדי צו זיין זיכער, אז זי מאכט ניט קיין טעות, אבער וואס מער זי האט געקוקט אויף דער פארמאסקירטער פיגור, וועלכע איז אלץ זיכערער פאר איר ארויסגעקומען, און דאן האט זי ביי זיך גע'פועל'ט אז דאס איז דער פרינץ, וועגן וועלכן זי האט ערשט אזוי פיל געטראכט.

— פרינץ! — האט זי אויסגערופען.

— חנה'לע! — איז געקומען זיין ענטפער.

— וואס ברייגנט אייך אהער, אזוי שפעט ביינאכט, — האט זי אים געפרעגט מיט אן איינגעהאלטענער שטימע, וועלכע האט געציטערט פון איבערראשונג און אויפרעגונג.

— דאס זעלבע וואס עס צווינגט דיר צו זיצן אין גארטן אזוי שפעט ביינאכט, — האט דער פרינץ געלאסן געענטפערט און ער האט דערביי אראפגעווארפן פון זיך זיין שווערן מאנטל און די מאסקע, וועלכע האט פארשטעלט זיין פנים.

חנה'לע האט ניט געענטפערט. די עטלאכע ווערטער, וועלכע ער האט ארויסגערעדט, זיינען געווען א גענוגנדע דערקלערונג פאר איר. זי האט אים פארשטאנען, פונקט ווי ער האט איר פארשטאנען. זי האט געוואוסט פארוואס, און צוליב וואס, זי געפינט זיך דא אין גארטן אין אזא שפעטער שעה, און זי האט אויך געוואוסט וואס עס האט דעם פרינץ געבארכט אהער.

עמעריכס דערשיינען האט איר מיט איין מאל פארענטפערט אלע פראגן, וועלכע זי האט זיך פריער געשטעלט. דאס האט אי רבאוויזן, אז ער האט זי ניט פארגעסן, אז ער האט זי ניט געקאנט פארגעסן, און וועט זי שוין קיינמאל פארגעסן — פונקט אזוי ווי זי וועט אים ניט פארגעסן . . .

— איר האט דאס ניט געטארט טאן מיין פרינץ! — האט זי זיך נאך א ווײלע אפגערופן. — איר האט ניט געטארט זיך אריינ'גנב'ענען אין מיין גארטן און שטעלן אין געפאר זיך אליין און נאך מער מיך . . .

— אין צייטן פון מלחמה שרעקט זיך קיין אמת'ער סאלדאט ניט פאר געפארן — האט ער איר געענטפערט. — אויף דעם שלאכטפעלד פארשווינדן אלע געפארן, און דאס איינציקע, וואס עס באהערשט דעם סאלדאט, איז — דער זיג . . .

— וואס מיינט איר? — האט חנה'לע אים מיט פארוואונדערונג געפרעגט, — איך פארשטיי אייך ניט, מיין פרינץ. וועגן וואס פאר א מלחמה, און וועגן וועלכן שלאכטפעלד רעדט איר?

— דימלחמה האט זיך נאך ניט אנגעפאנגען, — האט עמעריך געענטפערט, — זי איז אבער אומפארמיידלאך, און דער אמת'ער סאלדאט קומט אפילו אויף א בעפארשטייענדער מלחמה ווי אויף דער ווירקלאכער . . . און דאס שלאכטפעלד, וואו זי וועט זיך אפשפילן, וועט זיין טירנא, אונזער טירנא . . .

— איך פארשטיי אייך נאך אלץ ניט, פרינץ! — האט חנה'לע איצט שוין אומרואיק אויסגערופן. דער פרינץ איז איר דאן גאר ניט געפעלן געווען. זיין באנעמונג איז געווען א מאדנע און זיינע ווערטער האבן געקלונגען אזוי פרעמד און אזוי אומפארשטענדלאך, אז זי האט אנגעהויבן צו פארדעכטיקן, אז ער איז שיכור און אז געקומען איז ער צו איר ווייל ער געפינט זיך אונטער דעם איינפלוס פון וויין.

אבער שוין אין די נעקסטע מינוטן האט זי איינגעזעען איר טעות. פון דעם פרינצס אויגן האט געשלאגן א טיפער טרויער, פון זיין פנים האט מען געקאנט לייענען, אז ער איז פארצווייפלט, אבער קיין סימן פון שיכרות איז אויף אים ניט געווען.

— געוויס פארשטייסטו ניט — האט דער פרינץ געזאגט — און דו ווייסט מי דאפשר ניט וועלן פארשטיין, אבע ראיך זאג דיר, אז עס האלט פאר א גרויסע מלחמה און איך מוז זיך גרייטן צו א קאמף, וועלכער וועט אנטשיידן איבער מיין לעבן אדער טויט....

איצט האט פאר חנה'לען אנגעפאנגען קלאר צו ווערן, וואס דער פרינץ מיינט מיט זיינע ווערטער, און זי האט גלייך באשלאסן אים ניט צו לאזן דורכפירן די פלענער, מיט וועלכע ער האט זיך ארומגעטראגן.

—ווילט איר זיך ניט זעצן דא, לעבן מיר אויף דער באנק? — האט זי אים צערטלאך געפרעגט.

(ווייטערס קומט)

DODD'S
KIDNEY
PILLS
FOR ALL KIDNEY DISEASES
BACKACHE
BLADDER TROUBLES
RHEUMATISM
4087 THE PRO

פאר איבער דריי פערטל יארהונדערט זיינען דאד'ס קידני פילס געווען דער אנערקענטער מיטל פאר רוקנווייטיק, רומאטיזם, בלאטער טראבלס און פילע אנדערע קראנקהייטן, פאראורזאכט דורך שלעכטע קידנים. צו באקומען פון אלע דיילערס פאר 50 סענט. אדער 6 באקסעס פאר $2.50, אדער דירעקט פון די דאד'ס מעדיצין קא., לימיטעד, טאראנטא 2. ביים דערהאלטן די סומע.

געדיינקט! אז מיר קאנען אייך געבן
1 טאג
באדינונג אויב איר פאר דריי קלינינג
לאנגט, אין אלע אייערע — אדער פארבן
נ. פ. פארטנאי
מענערזשער
PERTH DYE WORKS LTD. 37 266

אידנברידזשער נייעס

פון מ. אוסישקין

היינטיקן זומער האבן מיר אין אידנברידזש געהאט א זעלטענעם זומער (דער ערשטער זומער וואס איך געדיינק) א זומער פון געסט. געסט נאך געסט, כן ירבו. געסט פון גרעסערע שטעט: שיקאגא, דעטראיט, מינאפאלים, מאנטרעאל, אטאווא, וויניפעג, עדמאנטאן, רעדזשיינע און סאסקאטון. און צען קלענערע שטעטלאך — נארט באטלפארד, פרינץ אלבערט, מעלפארט, האמבאלט, קאניסטענא, וועלדאן, אסקוויט, בירדסהיל, סטאר־סיטי, און מעגלאך אז ניט אלע שטעטלאך ווייס איך.

אבער ס'איז געווען א זומער פון לעבן. אונזער אידנברידזש האט אויפגעלעבט, עפעס דערפילט זיך יחסנ'דיק, מיט לייטן גלייך. ובפרט אז אלע געסט זיינען פון אידנברידזש געווען באגייסטערט.

א שפאס עפעס, מיר פארמערס זיינען דאך איצט דאס אויבערשטע פון שטייסל, עפעס זיינען מיר דאך פארמערס וואס ווייסן ניט פון קריזיס. עסן האבן מיר לרוב, און א דאך איבערן קאפ איז אויך דא. מיר האבן גענוג פלאץ וואו צו שלאפן, און קיין לענדלארד מיט א שעריף וואס ווארפן ארוים מיט די בעבעכעס אויף דער גאס זעען מיר אויך ניט — היינט וואסער קרעמער קאן זיך צו אונז גלייכען?

קליידער, שיך, צוקער, צוועקעס, זייף, קעראסין, מארקעס, טוויין, זאלץ און טיי — א לאמפ א האק, אן עמער, און א שטיקל מאשין. טעקסעס פאר דאס לאנד מוז מען צאלן און נאך אזעלכע קלייניקייטן וואס מ'קאן אליין ניט פראדוצירן, און מען מוז עס קויפן און אויף בארג גיט מען שוין מער ניט.

נו, דאס איז א ביי־זאך. ווער איז עס מחויב צו קויפן נייע, איז גוט אלטע. ווער איז עס מחויב צו טראגן גאנצע שיך — איז גוט צעריסענע. א צעריסענע העמד און אן זאקן און ד. ג. און צו דעם זיינען מיר פארמערס שוין געוואוינט געווארן און מיר קומען אוים מיט ווייניקער — דערויף זיינען מיר בריה'ס.

* * *

זונטאג אין אוונט, דעם 26טן יולי, דער זאל אונזערער איז אנגעפילט מיט געסט — אייגענע אידנברידזשער און אנגעקומענע. וואס איז! א חתונה פארטי. אן אידנברידזשער פארמער לענדלארד מי טא שעריף וואס ווארפן ניט אין דער היים, האט אפגעגעבן זיין חוב צו אידנברידזשער שכנים. צו דער פארטי זיינען געווען איינגעלאדן אלע אידנברידזשער אידן מיט זייערע געסט — אן אויסנאם, און דער זאל איז טאקע געווען איבערפילט, און מען האט זיך משמח געווען ביז אין טאג אריין.

צווישן די געסט איז געווען אויך איינע א פרוי פון מאנטרעאל — רבקה דווארקין, און אלס גרוים שטאטיקע האט זי זיך גערעכנט צו טרעפן פארמערס אמאליקע פרימיטיווע פויערים וואס ציטערן פאר א קנעפל, און שעמען זיך פאר גרוים שטאטיקע. אבער איר טעות האט איר פאראינטערעסירט און זי האט אריינגעקוקט אין אונזער ביבליאטעק, זי האט געהאט געשפרעכן מיט אונזער יוגנט, און זי האט זיי געהערט זינגען פאלקס לידער, און זי איז געווען באגייסטערט. זי האט אונז צוגעזאגט אז זי וועט וועגן אונז איבערגעבן אין זייער גרוים שטאטיקער פרעסע — און זאלן אלע וויסן פון אידנברידזש. און אלס א באוויז אז זי איז באגייסטערט, האט זי אונז געשיינקט א מתנה פאר אונזער ביבליאטעק פאר קינדער ביכער צען דאלאר. זי האט אויך צוגעזאגט אז דאס איז ניט די לעצטע, אדרבא, זי וועט אויך אנדערע פאראינטערעסירן וואס קאנען ביישטייערן צו אזא נאבעלן צוועק ווי ביכער — א זאך זאגט זי, וואס אין שטאט ליגט עס מער אויף די פאליצעס איידער מ'קוקט אין זיין אריין . . . .

עס וועט ניט שאדן איבערצוגעבן אן אונטערגעהערטן געשפרעך צווישן די גרויסשטאטיקע פרויען מיט אונזערע פארמערקעס.

—אייערע קינדערלאך קוקן אן עין־הרע אוים ווי די פעסלאך, בלוט און מילך; שיין ווי דאלם, שטארק געבויט, זע א פנים דאס האט, ס'דארף זיך ניט שמירן אום אויסצוזען שיין, זיי לייכטן דאך ממש ווי די זון.

— זע אן עסן, אן אפעטיט אן עין־הרע, א האלב לעבעלע ברויט, א קעזל, א טעלער סמעטענע און וויפיל אייער? היינט דער הילוך, א פשוט'ע קליידל, ס'ארט זיי גארניט. און דערצו אזא פריש און פריילאכער געלעכטער!

— מיר זיינען אייך פשוט מקנא, אונזערע גרוים־שטאטיקע קינדער, ווייס איך וואס, ווי קומט צו זיי אזא אפעטיט, אט די פרישקייט, אט די פריילאכקייט, היינט דאס אנטאן זיך, קאן צווישן מענשן ניט ארויסגיין אביווי, און טאקע מוז זיך אנשמירן, אז ניט וואס פאר א פנים וועט עס האבען?

— היינט זעט ווי אייער קליינווארג לויפן עס ארום פראנק און פריי איבער פעלד, איבער הויף און גאס. און די קול'כלאך קלינגען ווי גלעקלאך. א, איר זייט ממש אין גן־עדן.

— אונזערע קינדערלאך אין די גרויסע שטעט מוזן שטענדיק זיין פארשפארט — און טאמער לויפט ווער ארוים אויף דער גאס, קאנט איר דאס אין פינף מינוט ארום זעען א צעבראכטע אונטער די רעדער פון אונזער משוגענער ציוויליזאציע.

— און זעט, אייערע קינדער ווייסן גאר ניט פון אזא זאך ווי "פאני פייפערס", מיט וואס די גרוים־שטאט איז אנגעשטאפט. מ'טראכט גאר ניט פון קיין מואווים מיט וואס מ'פאר'סמ'ט די גרוים שטאטיקע קינדער מיט אלערליי סם־המות, וואס מאכט פון די קינדער — ע, ס'לוינט זיך פון מויל ניט ארויסצוברייינגען. אייערע קינדער זיינען ממש גליקלאך.

— נו, איז ווער לאזט אייך ניט וויפיל אייער הארץ גלוסט, ס'איז דא גענוג לאנד ארום, און מ'קאן עס קויפען פאר שפאט ביליק. באזעצט מען זיך אויף לאנד, און מען איז אין גן־עדן.

— יא, מיר ווייסן אבער ניט אויב אונזערע קינדער וועלן וועלן גיין אויף לאנד.

— וואס הייסט זיי וועלן ניט וועלען? וואו קאנען זיין דען בעסער קריגן ווי אויפן פארם, וואס איר רופט גן־עדן?

— יא, בעסער געפינט מען טאקע ניט, אבער איך ווייס ניט אויב איך וואלט געקאנט צוקוקן גלייכגילטיק ווי מיינע קינדער גייען ארום בארוויסע.

— און אונזערע קינדער קאנען ארומגיין בארוועס? וואס זיינען אונזערע ניט קיין קינדער?

— יא, אבער אייערע קינדער זיינען שוין געוואוינט געווארן.

— נו, ווי אזוי האבן זיך צוגעוואוינט אונזערע קינדער וואס זיינען אהער געקומען פון די גרויסע שטעט? דאן איז נאך געווען ערגער ווי איצט. קיין שטיקל וועג איז אין ערגעץ ניט געווען וואו א בארוועסע פוס אוועקצושטעלן, נאר בוש און בוש.

— נו, באוואונדערן מיר טאקע אייך, איר זייט שוין די אמת'ע פיאנירן . . . .

* * *

איין מאל אין א פרימארגן קוק איך דורך די קארעספאנדענץ וואס מ'האט פאר מיר געבראכט פון דער פאסט. איך געפין א קארטל פון הר. ב. צוקערמאן. ער וויל זיין אין אידנברידזש אויף אונזער יובילעאום. נו, פריוואט קאן איך דאך איינלאדן געסט, און ער האט טאקע מיט אונז אין אידנברידזש פארבראכט א זעקס טעג. אין א שמועס אמאל וועגן אונז אידנברידזשער וואס זיינען אזוי נייגעריק נאך געסט, נאך א אידישן ווארט, זאגט ער צו אונז — ווייסט איר וואס, איך וועל אייך רעקאמענדירן א אידן וואס וועט אייך זיכער צופרידנשטעלן. ער איז א זעלטענער, פארלעזער פון שלום עליכם, און ער וועט צו אייך קומען און ער וועט פאר אייך לייענען וויפל אייער הארץ וועט גלוסטן.

דערהערט אזעלכע ווערטער האבן מיר זיך דערפרייט. אבער מען קאן דאך ביי איצטיקע צייטן קיינע געסט ניט אראפברייינגען ווייל מיר קאנען ניט צאלן. — ווייס איך וואס, — זאגט ער, — דאס איז א זעלטענער איד, ער וועט צו אייך קומען, ער וועט אייך דערפרישן ווי דאס טוט דער טוי צו דער בלום. ער וועט אייך זיכער צופרידנשטעלן, און ניט וואס ער [illegible]

און כך הוה, און מיר האבן אויסגעפירט דעם ווערטל: אז מ'גיט א אידן א פינגער וויל ער די גאנצע האנט. און מיר האבן אין אונזער בריוו צו ה' שטיינבערג אים געבעטן אז אויב ער וועט קומען זאל ער שוין מיטנעמען נאך געסט. מיר, פון דער וועלט פארוואָרפענע פארמערס זיינען זייער גערן צו האבן געסט — וואס מער. און מיר האבן טאקע באלד געקראגן אן ענטפער אז ער קומט מיטן פרעזידענט פון "דאס אידישע ווארט" — ה. י. ווילדער און זייערע פרויען. נו, פארשטייט זיך אז צו אונזער פרייד איז קיין גרעניץ ניט געווען.

און זונטאג דעם 2טן אוגוסט אין אוונט, אונזער זאל איז אנגעפילט ביז ברעגן. מענער, פרויען און קינדער. אידנברידזשער און אנגעפארענע [illegible]

(שלום מארען)

קאלגארי קאלגארי

קאלגאריער נאטיצן

[illegible] רעוויטש, אײדא אײזנשטאט, נאלדי גופמאן, בעטי גרינבערג און מיס קלארא גרינבערג.

[illegible]

מיני לעווינסאן.

JACKSON'S WELDING
בלעקסמיטינג
עלעקטריק און אקסעטילין וועלדינג
816 NINTH AVE., W.
Phones: M1996—S0014
CALGARY ALBERTA

JAMES MARR SR.
פלאמבינג, היטינג, גאזפיטינג
237-12th Ave. E. Phone M2741
CALGARY

AUTO SERVICE
7th Ave. 8 St. W.
McIVOR BROS.
[illegible]

ספעציאליסטן אין אויטא באדים
מעטאל ארבעט, האלץ ארבעט, אפהאלסטערינג
לאקירונג
Fisher Body Repair Co.
103 Twelfth Avenue East M7424

א פיינער פליווער פאר פיינער געשמאקן
סערווירט
קאלגארי'ס
דריי
דזשינדזשער איל
CALGARY BREWING & MALTING CO. LTD.

סייל פאסטערס
געמאכט
אין 24 שעה
שיין און צוציענד
ביי
"דאס אידישע ווארט"
מיר האבן אן אויסוואל פון הונדערטער
קאטס פון די לעצטע צייכענונגען צו
באצירן די פאסטערס
מיר טוען די גאנצע ארבעט
שיקט אונז בלויז אריין די פרייזן פון די
ארטיקלען וועלכע איר ווילט ארויס־
שטעלן אויפן סייל — און מיר טוען
שוין פאר אייך דאס איבעריקע
שרייבט אין וועלכער שפראך איר ווילט צו
THE ISRAELITE PRESS LIMITED
165 Selkirk Ave. Phones: 52 213 - 55 409